**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/2/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט $30 מיליאן צו געשאנקען ווערן פאר בייהילפיגע הויזינג

***געלטער וועלן פינאנצירן סערוויסעס פאר וועטעראנען, מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייט אדער דראג באנוץ פראבלעם, דאמעסטישע געוואלדטאט איבערלעבער, און עלטערע ערוואקסענע מיט דיסאביליטיס***

***עמפייער סטעיט בייהילפיגע האוזינג איניציאטיוו גייט אויפ'ן זעלבן גאנג פון גאווערנער האקול'ס סימבאלישע [$1 ביליאן פלאן] צו פארשטערקערן ניו יארק'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן $30 מיליאן אין בייהילפיגע האוזינג פינאנצירונג ארויסצוהעלפן עלטערע ערוואקסענע, איבערלעבער פון דאמעסטישע אדער דזשענדער-באזירטע געוואלדטאט, וועטעראנען און כראניש-היימלאזע פאמיליעס, און מענטשן מיט א גייסטישע קראנקהייט אדער דראג באנוץ פראבלעם. געטיילט דורך דער סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט, וועט די אכטע רונדע פון פינאנצירונג דורך די עמפייער סטעיט בייהילפיגע האוזינג איניציאטיוו ברענגען צו 122 טייזלונגען, וואס וועט צושטעלן אומשטענדליכע פינאנצירונג פאר סערוויסעס און ארבעט אויסגאבעס פאר ביז 4,839 יוניטס פון בייהילפיגע האוזניג.

"בייהילפיגע הואזינג שפילט א וויכטיגע ראלע אין אונזערע באמיאונגען צו שטארקען ניו יארק'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם און פארזיכערן אז אלע ניו יארקער קענען לעבן און בליען אין זייער קאמיוניטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו זעצט פאר צו זיין א הויפט באשטאנדטייל פון אונזערע באמיאונגען צו אדרעסירן די זאכן וואס ליגן אונטער האוזינג אומסטאביליטעט און גיבן פאר די וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט די סערוויסעס איוף וועלכע זיי קענען זיך אנלאנען צו וואוינען זיכערערהייט איוף א זעלבסטשטענדיגן אופן."

זייט איר גרינדונג, האט די עמפייער סטעיט בייהילפיגע האוזינג איניציאטיוו שוין צוגעשטעלט פינאנצירונג פאר ארבעט אויסגאבעס פאר איבער 8,400 יוניטס וואס זענען געמאכט פאר שוואכערע באפעלקערונגען. זעט א [פולע ליסטע] פון געטיילטע געלטער פונעם אכטע רונדע.

דער איניציאטיוו שטעלט צו אויפהאלטונג קאסטן פאר פראוויידערס פון בייהילפיגע האוזינג וועלכע שטעלן צו סערוויסעס פאר היימלאזע וועטעראנען און זייערע פאמיליעס; איבערלעבער פון דאמעסטישע אדער דזשענדער-באזירטע געוואלדטאט; עלטערע מענטשן וועלכע זענען דיסעיבלד אדער שוואך; יונגע ערוואקסענע וואס זענען געווען ארעסטירט, היימלאז אדער אין פאסטער קעיר בעפאר; כראניש-היימלאזע מענטשן און פאמיליעס; מענטשן מיט אינטעלעקטואלע אדער אנטוויקלונג דיסאביליטיס; מענטשן וועלכע גלידערן זיך צוריק איין אין זייערע קאמיוניטיס צוריק פון טורמע; און מענטשן וועלכע לעבן מיט HIV, AIDS, ערנסטע גייסטישע פראבלעמען און/אדער דראג באנוץ קראנקהייטן. די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) דינט אלס די הויפט אגענטור פאר די פינאנצירונג

גרענטס וואס ווערן פארטיילט דורך א גרופע וואס איז צוזאמגעשטעלט פון אכט סטעיט אגענטורן וואס שטעלן צו סערוויסעס פאר שוואכערע ניו יארקער.

געלטער קענען גענוצט ווערן צוצושטעלן הילף מיט רענט און סערוויסעס צו בארעכטיגטע געצילטע מענטשן אויף צו פארזיכערן זייערע האוזינג סטאביליטעט. ערלויבטע באנוצן פאר די געלטער רעכענען אריין רענט סאבסידיס און אנדערע וואוינונגס קאסטן; סערוויסעס אדער איינגעשטעלטע צו אידענטיפיצירן און טרעפן בארעכטיגטע מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין האוזינג; פאמיליע מעדיצין און אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס; באשעפטיגונג און דזשאב סקילס טרענירונג; הילף מיט עדיוקעישאן, חינוך סקילס אנטוויקלונג און שטיצע; טשיילד קעיר הילף קאונסעלינג און קריזיס אינטערווענץ; קינדער סערוויסעס, אריינרעכענענדיג שתדלנות, שטיצע און קאונסעלינג פאר זייער עדיוקעישאן; און קאסטן וואס קומען פון סערוויסעס צו העלפן מענטשן און פאמיליעס בלייבן אין א סטאבילע היים.

פראיעקטן קענען באקומען ביז אזויפיל ווי $25,000 פער יוניט יערליך פאר סערוויס און אויפהאלטונג געלטער וואס זענען נויטיג צו אויפהאלטן פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג יוניטס. די געלטער זענען אויף באדינגונג און אויפ'ן תנאי פון אז די פראיעקט זאל באקומען קאפיטעל געלטער פאר נייע בוי-ארבעט, איבערמאכן פראפערטיס וואס זענען נישט גענוצט געווארן פאר וואוינונגען בעפאר, אדער איבערבויען אומרעגולירטע וואוינונגס פראפערטיס צו בויען דארט הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן מיט אריינגעבויטע בייהילפיגע סערוויסעס.

פארשונג האט געוויזן אז קביעות׳דיגע שטיצנדע האָוזינג רעדוצירט די פארלאנג פאר שיך-ערטער, שפיטאל בעטן, עמערדזשענסי רומס, טורמעס און תפיסות, אין צוגאב צו האבן א פאזיטיווע השפעה אויף באשעפטיגונג, שולע אנטיילנעמונג, און גייסטישע און פיזישע וואוילזיין. שטיצנדע האָוזינג פראיעקטן קענען אויך פאזיטיוו משפיע זיין אויף געגנטער דורך נייע קאנסטרוקציע אדער דורך רעהאביליטירן עקזיסטירנדע געביידעס.

די אינציאטיוו גייט אויפ'ן זעלבן גאנג פון גאווערנער האקול'ס סימבאלישע [$1 ביליאן מערערע-יאר פלאן](#) צו פארשטערקערן די סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם און שטארק אראפברענגען די צאל פון מענטשן איבער די סטעיט מיט גייסטישע געזונטהייט געברויכן וואס ווערן נישט ערפילט. אנגענומען אלס טייל פון די פאר'ן יאר 2024 בודזשעט, נעמט די פלאן אויך אריין פינאנצירונג פון 3,500 נייע וואוינונגס יוניטס פאר ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך מיט גייסטישע קראנקהייט, וואס דאס פארברייטערט דראמאטיש אוטפעישענט סערוויסעס און פולט אן די לעכער אין אינשורענס דעקונג פון אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס פארבאטנדיג פון אינשורענס פירמעס פון אפזאגן צוטריט צו מעדיציניש-נויטיגע, שטארק-נויטיגע, דרינגענדע און קריזיס גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס סיי פאר ערוואקסענע און פאר קינדער.

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) קאמישאנער דר. ענן סאליוואן האט געזאגט,** "גאווערנער האקול איז שוין פון לאנג געווען א שטיצער פון בייהילפיגע האוזינג און פארשטייט די נויטיגקייט פון אוועקשטעלן מער קאפאציטעט דורכאויס די סטעיט. איר איבערגעגעבנקייט האט שוין געהאלפן טויזנטע מענטשן און פאמיליעס צו באקומען די סערוויסעס וואס זיי דארפן ווען וואוינען אין זייערע אייגענע הייזער. פארזיכערטע און בכבוד'יגע האוזינג וועט גיבן פאר מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקהייטן און דראג באנוץ, אונזערע וועטעראנען און פילע אנדערע וועלכע שלאגן זיך מיט קריטישע לעבנס פראבלעמען די סטאביליטעט און שטיצע וואס זיי דארפן פאר א פולקאמע ערהוילונג."

**אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Supports) קאמישאנער, טשינאזאו קאנינגעהעם, האט געזאגט,** "בייהילפיגע האוזינג פאר מענטשן וועלכע ליידן פון אדיקשען קען האבן א שטארקע ווירקונג אויף זייער געזונטהייט און וואוילזיין און איז א וויכטיגע טייל

פון די פארזעצונג פון אדיקעשן סערוויסעס וואס מען קען באקומען דא אין ניו יארק סטעיט. א דאנק גאווערנער האקול'ס נאכאנאנדע באמיאונגען, שטיצט די אינציאטיוו ווייטער וויכטיגע פארברייטונגען צו בייהילפיגע האוזינג איבער ניו יארק סטעיט, ארויסהעלפנדיג מענטשן און זייערע פאמיליעס וועלכע ליידן פון אדיקשען צו באקומען די הילף און הילפסמיטלען וואס זיי דארפן. מיר קוקן ארויס צו די ווייטערדיגע בענעפיטן וואס דאס וועט ברענגען פאר ניו יארקער."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance) צייטווייליגע קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר אז גאווערנער האקול אנערקענט די וויכטיגע ראלע וואס בייהילפיגע האוזינג האט מיט שטארקען פאמיליעס און מענטשן וועלכע זענען פריער געווען היימלאז צו דערגרייכן און אנהאלטן סטאבילע לעבנס אין זייערע קאמיוניטיס. די עמפייער סטעיט בייהילפיגע האוזינג אינציאטיוו פינאנצירונג איז א וויכטיגע טייל פון OTDA'ס ארבעט צו צושטעלן פערמענאנטע בייהילפיגע האוזינג פאר פאמיליעס און מענטשן וועלכע זענען שוין געווען היימלאז אמאל."

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services) צייטווייליגע קאמישאנער סוזען מיילס-גאסטעיוו, עסק., האט געזאגט, "**מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר ווייטער נעמען די שטארקע שריט צו פארבעסערן די געזונטהייט און וואוילזיין פון אלע קינדער און פאמיליעס. אין א צייט וואס ניו יארקער טרעפן זיך מיט שווערע פראבלעמען וועלכע האלטן אין איין שטייגן, ווען די וועלכע נויטיגן זיך אין אונזער פעסטע שטיצע באקומען מער סטאביליע, גלייכבארעכטיגטע האוזינג און דירעקטע צוטריט צו לעבנס-טוישנדע גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ פראבלעם פראגראמען. די קרייץ-סיסטעמען זעכנען די הארץ פון OCFS'ס ארבעט אינאיינעם מיט אונזער מיטארבעטנדע סטעיט אגענטורן, העלפן בויען א שטערקערע געפיל פון זיכערהייט וואס ערלויבט מער עמפינדליכע קאמיוניטיס צו בליען אין וועגן וועלכע וואלטן נישט געווען מעגליך אן די וויכטיגע הילפסמיטלען."

**העלט דעפארטמענט קאמישאנער דר. דזשעימס מקדאנעלד, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, טוט די עמפייער סטעיט בייהילפיגע האוזינג אינציאטיוו און דאס יערליכע אינוועסטירן מאכן אן אונטערשייד אין די לעבנס און צוקונפטיגע געזונטהייט אויספירן פון אונזער מערסטע עמפינדליכע ניו יארקער, אריינגערעכנט וועטעראנען, דאמעסטישע געוואלדטאט איבערלעבער און די מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייט אדער דראג באנוץ פראבלעמען. האבן א זיכערע פלאץ צו וואוינען פאר צוגענגליכע פרייזן האט א פאזיטיווע ווירקונג אויף א מענטש'ס אלגעמיינע געזונטהייט".

**אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (Office for People with Developmental Disabilities) קאמישאנער, קערי נייפעלד, האט געזאגט,** "די וואוינונגס געלעגנהייטן וועלן מאכן אונזערע געגנטער מער אינטערעסאנט און געבן די מעגליכקייט פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס צו לעבן מיט מער זעלבסטשטענדיגקייט אלס א טייל פון זייערע קאמיוניטיס. א דאנק פאר גאווערנער האקול און די עמפייער סטעיט בייהילפיגע האוזינג אינציאטיוו פאר גיין אין ריכטונג פון א ניו יארק וואס איז אפן פאר אלע."

**דיוויזיע פון הייזער און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנער רוט-ען וויסנאסקעס, האט געזאגט,** "די לעבנס-טוישנדע געלטער היינט וועלן צושטעלן די זיכערהייט און סטאבילקייט פון א היים צו וואוינען פאר טויזנטע ניו יארקער און פארזיכערן צוטריט צו צוגעפאסטע בייהילפיגע סערוויסעס וועלכע וועלן ערמעגליכן די מענטשן צו בליען אין זייערע קאמיוניטיס. די וועלכע עס קומט זיך זיי צו באקומען די געלטער זענען אויסערגעווענליכע מיטארבעטער מיט צושטעלן הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן און קעיר פאר מענטשן וועלכע דארפן עס. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט

צו אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט קריזיס און עפענען געלעגנהייטן פאר שוואכערע מענטשן איבער דעם סטעיט."

**אפיס פאר די פארמיידונג פון דאמעסטישע געוואלדטאט (Office for the Prevention of Domestic Violence) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קעלי אווענס, האט געזאגט,** "פארזיכערטע האוזינג איז קריטיש פאר איבערלעבער און זייערע פאמיליעס אין זייער רייזע צו פרייהייט און ערהוילונג. א דאנק, גאווערנער קעטי האקול, פאר אייער ווייטערדיגע שטיצע מיט ארויסהעלפן איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן מיט איבערלעבער-געווידמעטע, טראומא-אינפארמירטע, און קולטוראלע-צוגעפאסטע פראגראמען. די עמפייער סטעיט בייהילפיגע האוזינג איניציאטיוו העלפן אוועקשטעלן פאמיליעס וועלכע ליידן פון היימלאזיגקייט צוליב די דאמעסטישע געוואלדטאט."

**סטעיט סענאטאר סאמרא בראוק, האט געזאגט,** "האוזינג איז א מענטשליכע רעכט, און איך בין דאנקבאר פאר דעם גאווערנער פאר לייגן צום ערשטע די אינוועסטירונגען אין בייהילפיגע האוזינג איבערן מיט (?) פאר ניו יארקער און ארום די סטעיט וואס מען וואלט שוין געדארפט טון פון לאנג. די אינוועסטירונגען זענען קריטישע באשטאנדטיילן צו פארזיכערן אז גייסטישע געזונטהייט שטיצעס זענען גרייט פאר די וועלכע דארפן עס דאס מערסטע, און זענען וויכטיג צוריקהאלטן די וועלכע לעבן מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען פון זיך אנשטויסן מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם. איך קוק ארויס צו ווייטערדיגע מיטארבעט מיט גאווערנער האקול און די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט צו פארזיכערן אז ניו יארקער קענען האבן צוטריט צו די בכבוד'יגע האוזינג וואס עס קומט זיך זיי."

**אסעמבלי מיטגלידערין עילין גאנטער האט געזאגט,** "איך בין צופרידן צו זען אז ניו יארק סטעיט אינוועסטירט אין קריטישע הילפסמיטלען פאר אונזערע עמפינדליכסטע איינוואוינער. האוזינג איז א פונדעמענטאלע מענטשליכע רעכט, און די געלטער וועלכע זענען געמאלדן געווארן וועלן העלפן די וועלכע האבן פראבלעמען מיט טרעפן א פלאץ צו וואוינען, צו באקומען צוטריט צו סערוויסעס פאר ספעציעלע געברויכן און אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען ארום די גאנצע סטעיט. עס איז זייער וויכטיג אז מיר זאלן ווייטער ארבעטן פאר און ארויסהעלפן די וועלכע דארפן די הילף, צו מאכן בייהילפיגע האוזינג אווילעבל און צוגענגליך איבער גאנץ ניו יארק סטעיט."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן